**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/19/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנאר האקול מעלדט אז GE VERNOVA וועט אינוועסטירן 41 מיליאן דאלאר אין סקענעקטעדי פלענט, שאפנדיג 50 נייע הייי-טעק דשאבס

***פירמע אינוועסטירט אין ניו יארק סטעיט צו פארמערן קאפאציטעט פאר גענעראטאר אפעראציעס און צו נאכקומען די וואקסנדע פראדוקט פארלאנגען***

***מעלדונג רעפלעקטירט פארפליכטונג צו פארגעשריטענע מעניופעקטשערינג אין קאפיטאל ראיאן***

גאווערנאר Hochul (האקול) האט היינט געמאלדן אז GE Vernova האט זיך פארפליכטעט צו אינוועסטירן ווייניגסטנס 41 מיליאן דאלאר אין די פירמע'ס צענטער פון אויסצייכענונג פאר סטים און גענעראטור אסעמבלי און טעסטינג אין דאונטאון סקענעקטעדי. די פירמע פלאנט צו שאפן 50 נייע, הייי-טעק דשאבס ביי די פאסיליטי, העלפנדיג נאכקומען די געהעכערטע גלאבאלע קאסטומער פארלאנג. עמפייר סטעיט אנטוויקלונג (Empire State Development, ESD) טוט שטיצן די פירמע'ס אויסברייטערונג מיט ביז 1 מיליאן דאלאר אין אויספירונג-באזירטע עקסעלסיער דשאבס פראגראם (performance-based Excelsior Jobs Program) שטייער קרעדיטס.

"ניו יארק סטעיט טוט אויספלאסטערן דעם וועג פאר מעניופעקטשערינג, פארשונג און אנטוויקלונג פאר איניוואטיווע ענערגיע טעכנאלאגיעס — ברענגנדיג דעם סטעיט נענטער צו א ריינערער צוקונפט פאר פילע קומענדיגע דורות," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "מיט די סטעיט'ס פובליק-פריוואטע שותפות מיט GE Vernova, טוען מיר ברענגען גוט-באצאלטע דשאבס קיין אפסטעיט ניו יארק, און טוען שטיצן סוסטעינעביליטי פון די שפיץ פון לאנג איילענד ביז די אירי קאנאל."

GE Vernova פלאנט צו אינוועסטירן ווייניגסטנס 41 מיליאן דאלאר אין די דאונטאון סקענעקטעדי קאמפוס צו בויען מער קאפאציטעט פאר גענעראטאר אפעראציעס דורך איבערמאכן עקזיסטירנדע ערטער; קויפן און אריינשטעלן נייע מאשינען און געצייג; און צושטעלן די נויטיגע טרענירונג פאר איינגעשטעלטע. די אינוועסטירונג וועט ערמעגליכן פארבעסערונגען צו די מעניופעקטשערינג פון GE Vernova's H65 און H84 גענעראטורן, וועלכע קומען מיט די פירמע'ס מערסט-עפישענטע HA גאז טורביינס. ווי אויך, וועלן פילע פון די 50 נייע דשאבס וואס די פירמע פלאנט צו שאפן אויפ'ן ארט זיין יונגע לעיבאר.

**GE Vernova CEO Scott Strazik (סקאט סטרעזיק) האט געזאגט,** "מיר זענען פארפליכטעט נאכצוקומען די געברויכן פון אונזערע קונדן און פון די וועלט אין די צייט וואס פארלאנג פאר עלעקטריסיטי זעצט פאר צו וואקסן אויף היסטארישע ראטעס. די אינוועסטירונג אין אונזער סקענעקטעדי פאסיליטי טוט פארזעצן מיט אונזערע ארבעט צו בויען גאז פאויווער קאפאציטעט און העלפן נאכקומען גלאבאלע ענערגיע געברויכן. אונזער סקענעקטעדי פאסיליטי טוט צושטעלן א געוואלדיגע געלעגנהייט צו שטיצן און אינוועסטירן אין אונזער טאלאנט אין די קאפיטאל ראיאן, און מיר דאנקען דעם סטעיט פון ניו יארק פאר

זייער שטיצע. מיר טוען שוין אנרופן דעם ראיאן אלס אונזער היים פאר איבער הונדערט יאר, און מיר זענען שטאלץ צו ווייטער פאראויסריקן יענער לעגאסי."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO און קאמישינער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, טוט ניו יארק סטעיט ווייטער ארבעטן מיט פירמעס פון אלע גרויסקייטן צו קענען וואקסן און בליען אין די עקאנאמיע פון די איין-און-צוואנציגסטן יאר הונדערט. דורך די פובליק-פריוואטע שותפות צווישן GE Vernova און ESD, טוען מיר שטיצן נייע אינוועסטירונגען אין דאונטאון סקענעקטעדי וועלכע וועלן שאפן דשאבס און מוטיגן נייע ראיאנישע עקאנאמישע וואוקס."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority) פרעזידענט און CEO Doreen M. Harris (דארין מ. העריס) האט געזאגט,** "דאס איז גאר נאך א געווינס פאר ניו יארק - ספעציעל די קאפיטאל ראיאן - אין די צייט וואס די סטעיט זעצט פאר צו פארברייטערן איר ריינע ענערגיע עקאנאמיע און פאראויסריקן איר טראנספארמירונג אלס א גלאבאלע צענטער פאר אינאוואציע. איך טוה אפלאדירן די פילע לאקאלע, פאמיליע-אויסהאלטנדע דשאבס וועלכע וועלן געשאפן ווערן פון די שותפות מיט GE Vernova, ווי אויך די פירמע'ס אנגייענדע פארפליכטונג צו אינוועסטירן אין ניו יארקער קאמיוניטיס."

**ניו יארק פאויווער אטאריטעט (New York Power Authority) פרעזידענט און CEO Justin E. Driscoll (דשאסטין א. דריסקאל) האט געזאגט,** "GE Vernova'ס אויסברייטערונג אין סקענעקטעדי בויעט אויף די פירמע'ס לאנגע היסטאריע אינעם געגנט וואס האט געפירט צו די סיטי'ס צונאמען אלס 'עלעקטריק סיטי.' אלס א געשעצטע פאויווער אטאריטעט קאסטומער, טוט GE Vernova העלפן שאפן א נייע ענערגיע צוקונפט פאר ניו יארק און פאר די וועלט דורך איר פארפליכטונג צו עפישענסי און אינאוואציע אין פאויווער שאפונג. מיר זענען צופרידן צו זעהן ווי GE Vernova וואקסט אין סקענעקטעדי, צולגיינדיג פאמיליע-אויסהאלטנדע דשאבס פאר ניו יארקער."

אין יאנואר 2025, האט גאווערנער Hochul (האקול) געמאלדן GE Vernova'ס פארפליכטונג צו אינוועסטירן 96 מיליאן דאלאר אין איר פארגעשריטענע פארשונג צענטער ( Advanced Research Center) אין ניסקעיונע. די פירמע טוט שאפן 75 נייע דשאבס אויפ'ן ארט, פארשטערקערנדיג די צענטער'ס עלעקטריפיקאציע און דיקארבעניייזעישען ארבעט, בשעת'ן פאראויסריקן טראנספארמירנדע טעכנעלאגיעס אריינגערעכנט ארויסנעמען קארבען דייאקסייד, אלטערנאטיווע ברענשטאף פאר פאויווער שאפונג, און אנטוויקלען די גריד פונעם צוקונפט. ווי אויך, האט די פירמע געמאלדן 130 מיליאן דאלאר אין שטח פארבעסערונגען און אויסברייטערונגען אין סקענעקטעדי זייט 2023, וועלכע זענען ערווארטערט צו שאפן מער ווי 300 נייע דשאבס.

**סקענעקטעדי קאונטי לעגיסלאטור פארזיצער Gary Hughes (גערי יואס) האט געזאגט,** "מיר באדאנקען GE Vernova פאר'ן מאכן גרויסע נייע אינוועסטירונגען אין סקענעקטעדי קאונטי צו העלפן נאכקומען די וואקסנדע גלאבאלע פארלאנג פאר עלעקטריסיטי מיט פראדוקטן וועלכע ווערן געמאכט גלייך דא אין דאונטאון סקענעקטעדי. גאווערנאר Hochul (האקול) און אירע טיעם ביי עמפייער סטעיט אנטוויקלונג זענען אלעמאל דא געוועהן פאר אונז אין די צייט וואס מיר פארמעסטן זיך פאר די נייע אינוועסטירונגען און דשאבס."

**סיטי פון סקענעקטעדי מעיאר Gary McCarthy (גערי מעקארטי) האט געזאגט,** "GE Vernova איז א פירנדע אלוועלטליכע באוועגונג וואס טוט צולייגן פאויווער צו די עלעקטרישע גריד אויף א סוסטעינעבל אופן. אין גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האבן מיר א שותף וואס פארשטייט די צורך פון

געווינען די נייע אינוועסטירונגען און דשאבס כדי די ענערגיע טראנספארמירונג זאל קענען געטריבן ווערן דורך געצייג וואס איז געמאכט אין סקענעקטעדי."

**Metroplex פארזיצער Ray Gillen (רעי גילען) האט געזאגט,** "גאווערנאר Hochul (האקול) טוט ווייטער ארויסווייזן איר טיפע פארפליכטונג צו ברענגן מער אינוועסטירונג און דשאבס צו GE Vernova אפעראציעס אין סקענעקטעדי קאונטי. מיר זענען דאנקבאר צו די גאווערנאר און צו עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פאר די מיטארבעט וואס האט געפירט צו גרויסע נייע אינוועסטירונגען אין גאר פארגעשריטענע ענערגיע טעכנעלאגיעס ביי סיי די דאונטאון און סיי די ניסקעיונע קאמפוסעס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן